ב"ה

# קובץ ניגונים

## חסידישע לידער

•

צעירי התמימים

קעמפ מבחוץ – ישיבה מבפנים

# דעם רבינ'ס ארמיי

**פזמון:**
**דעם רבינס ארמיי, מאשירט מיט פרייד**
**ליובאוויטשער שטאלץ, אין די גאסען גייט**
**אויף מבצעים דרייען**
**אויף תהלוכה גייען**
**איבער דער וועלט זיינען מיר פארשפרייט**

**טאנקען ברעכען דורך יעדער בארג און טאל**
**באוואפענט מיט געווער פון אהבת ישראל**
**חסידות אונזער ביקס**
**שולחן ערוך אונזער שיץ**
**פון וועלט מיר ווערען אינגאנצען ניט נתפעל**

אויף אלץ איז מען גרייט
אויף לעבען, אויף טויט
דער וועלט קוקט צו און גארניט פארשטייט
ס'ניט סתם סאלדאטען
נאר קינדער מיט א טאטען
מיט ליבשאפט אין הארץ אין קריג מען גייט

**פזמון: דעם רבינס ארמיי...**

מיט קבלת עול
און אשרינו אויפן מויל
קיינמאל ניט שוואך, און קיינמאל ניט פויל
אויף וועלטישע הנחות
מיר לאכען אויף צולאכעס
פון תכלית פארגעס, מיט לימודי חול

**פזמון: דעם רבינס ארמיי...**

ס'איז שוין די העכסטע צייט
פון גלות מען רייט
מיר פארען אויף שליחות, נאנט און ווייט
דעם רעבינס ווערטער שיסן
אלע זאלען וויסען
אז אין עוד מלבדו, געטלעכקייט

# אהבת ישראל

תומכי תמימים, אין ווינקעל זאל
בחורים זיצן, ביינאכט שפעט
דער עלטערע משפיע
הארציג, מיט זיי רעדט
מיט טרערן אין די אויגן, די יונגע קוקן שטיל
ר׳ מיכאל דער אלטער פארברענגט מיט געפיל

זישע זישע קינדערלאך, לחיים ולברכה
איך האב פאר אייך א גוטע זאך
אן אלטע הדרכה
וואס איך האב פון חסידים
אליין געהערט אמאל
און דערהערט אהבת ישראל

א נשמה אויף די וועלט קומט אראפ
זיבעציג, אכציג יאר, לעבט זי אפ
נאר כדי טאן, דעם אויבערשטענ׳ס, א קינד, א טובה׳לע

און אלע מלאכים של מעלה
מיט שירות יומם ולילה
א נחת אזוי זיס, שאפן דאך ניט --
ווי ס׳ווערט פון העלפן א צווייטען איד

ווי, מ׳וואלט
פאר זיך אליין געוואלט
טייער האלטן אלע אידן
ניט נוגע ווי פארשידען
האבן יעדער׳ס מעלה האלט

ווי, ס׳האט
חסידות אויסגעמאלט
אן אפן הארץ א ברייטן
צו פרייען מיט א צוויטען
און מיט-פילען זיינעם ווייטען

״טוט א טובה א צווייטע אידן
וועט ה׳ יתברך דיר א טובה טאן
אוי!
זייט מקרב נאך א אידן
וועט ער דיר מקרב זיין״

# טוט אלץ וואס איר קענט

מעריב האט געענדיגט, דער רבי דרייט זיך אויס
מ׳קומט צו לויפען, קליין און גרויס
א מייק אויפן שטענדער
און צו אלע לענדער
א הוקאפ איז פארבונדען, כאפן יעדער אות

געלאסענערהייט, די שיחה הויבט זיך אן
משה מלמד דעת את העם
אין אלע ערטער
שלינגט מען אלע ווערטער
וויסן ווי צו טראכטען, וויסן ווי צו טאן

און מיטאמאל
אין א צעווייטיגט קול
עפענט זיך די הארץ פונעם רועה ישראל
נאך אלץ וואס מ׳האט געמאכט
איז רעכט, אז היינט ביינאכט
האט מען משיח ניט אראפגעבראכט

טוט אלץ וואס איר קענט, דער רבי שרייט
מיינען מיט אן אמת: עד מתי!
איך גיב דאס איבער פאר יעדערען פון אייך
יעדער איז א שליח
זיך איינאקשענען און שוין גליין
אראפברענגען משיח

ענוים ענוים הגיע הזמן
הנה הנה משיח בא
דער אויבעשטער נעמט יעדערען ביים האנט
עפען די אויגען, ער איז שוין דא

# חסידות הויבט העכער

ס'ווערט געבארען א קינד
תמימות'דיק און זינד
שוין ווערט ער בלינד
נאר זיך ער דינט

ווי קליין ווערט דעם מענטשן
פאר איין מינוט אטענטשען
ער קריכט אויף גלייכע ווענט
פאר עפעס א קאמפלימענט

א פינקעלע קנאה
פלאקערט שוין מיט טינא
די הארץ, עס ברעט מיט ישות און שנאה

איי ווי תאוות גלאנצן
די אויגעלעך זיי טאנצען
און די קאפ – שיעור טוט ניט פלאצען

די וועלט פארשיקערט אויך די בעסטער
די געלט פארציטערט די שטארקער און פעסטער

מ'גליטשט און מ'פאלט
מ'פארלירט די גישטאלט
געווארען אלט און קאלט
מ'האלט ביים קבר באלד

...

אבער אז חסידות מ'טראכט
אויפן גאנצן וועלט מען לאכט
איין מאמר מאכט ליכטיג
ס'שטעלט די הנחות ריכטיג

מ'קריגט נייע ברילען
ס'בייט די קאפ און ווילען
פוסט ווערט די תאווה
נאריש איז די גאווה

א מצוה איז אין סוף
די וועלט איז א בלאף
מיין נשמה דערוועקט פון א טיפן שלאף

מ'טרייסלט זיך אפ
ס'ווערט קלאר די קאפ
מ'קוקט אויפן וועלט פון אויבן אראפ

חסידות הויבט א טפח העכער
מ'קריכט ארויס פון שמוציקע לעכער

האבן האלט א אידן
אוועק פון דער ליגון
מיט א חסידישען ניגון
דער יצר איבערזיגען

# אין א ווייטער רוסיש שטעטעל

אין א ווייטער רוסיש שטעטעל
א יונגערמאן זיצט אויף א בעטעל
אומעדיק, טרויעריג
אליין אין זיין פיין

ס'ווילט זיך אין ליאזנא זיין
אויף יחידות מ'לאזט אים אריין
אן עצה - א ברכה, א ווארט הדרכה
--- אין ליאזנא זיין

אבער דער רבי האט ניט קיין צייט
אויפנעמען אלע יונגערלייט
ס'ווילט זיך פארט, א רגע דארט
ער לאזט ארויס א קרעכץ

די האנט נעמט בליי און בלעטעל
זי שרייבט ארויס א ווארע צעטעל
דעם רעבין מיטיילן, אלץ פארציילן
ווי עלענטקייט מאכט אים שלעכטס

רבי, איך בענק
אוי, רבי, איך קרענק
אוי, ווי די גוטע צייטן איך גידענק

עפען דיין טיר
און באווייז זיך צו מיר
אוי, איין מינוט זיין מיט דיר

אין יעדער פרק תניא, קענסטו מיר געפינען
אין יעדער פרק תניא, האב איך דיר אין זינען
אין יעדער ווארט און ווארט
בין איך מיט דיר דארט
אויך אין דיין ערגס'טן ארט
ווייל איבערגיגעבען
איז א רעבין
דעם חסיד זיכער באזארגט

אין יעדער מאמר חסידות, קענסטו מיר געפינען
אין יעדער בריוו און שיחה, האב איך דיר אין זינען
אין יעדער ווארט און ווארט
בין איך מיט דיר דארט
אויך אין דיין ערגס'טן ארט
ווייל איבערגיגעבען
איז א רעבין
דעם חסיד זיכער באזארגט

# אלע זאלן הערען

שלעכטע ווינטען בלאזען א בשורה ניט וואויל
זיי ברענגען א גזירה
לערנען מוזן מלמדים לימודי חול
און אלע פון רעגירונג האבען מורה

שארף רעדט דער רבי רש״ב זיין ווארט
ביי אסיפת הרבנים
ארעסטירט האט מען אים גלייך אויפן ארט
ווייל ער זאגט דער אמת אינעם פנים

**אלע זאלן הערן הויך און קלאר**
**אז די גלות כוח איז אויף גופים נאר**
**אויף אונזער נשמות איז ניטא קיין בעל-הבית**
**קיינער וועט אונז ווייזען ווי, ווער און וואס**

**מיר זאגען מיט עקשנות פון א איד**
**קיינער איז אויף אונז קיין דעה זאגער ניט**
**אונזערע אידישקייט וועט אייביג שטיין**
**קיינער וועט דאס בייטען אדער, מאכען שיין**

**ווי א פאסטאך מיט זיין שאף**
**ערוועקט ער זיי פון שלאף**
**אידן באגאסען מיט גלויבן און האף**

**ער פילט מיט אלע מיט**
**דער רעיא מהימנא גיט**
**מסירת נפש מוט אין א יעדען איד**

א פינסטערע נאכט עס פאלט אין לענינגראד
אלע ליגן אין שרעק
מקוואות און חדרים פארמאכט אין שעת השמד
טאטעס פון קליינער קינדער מ׳נעמט אוועק

יסורים האט דער פריערדיקער רבי דורכגעלעבט
אויף פארשפרייטען תורה
איצטער שטייט ער אויפן באן וואס אין גלות שלעפט
און ער רעדט שטארק אן מורא

**אלע זאלן הערען הויך און קלאר...**

די גאסען פון ניו יארק די זומער זון היצט
עס בליען אויך די בלומען
אמעריקע ווערט פוסט, און מ׳דרייט זיך און מ׳שוויצט
קינדער פון חדר-לערנען אוועקגענומען

אלע לאזען אפ די קאנטרי און די קאר
מ׳זיצט ביי א פאברענגען
דער רבי רעדט מיט ליבשאפט, און מיט פייער און מיט צער
אויפן רעבנייס שטימע אלע הענגען

**אלע זאלן הערען הויך און קלאר...**

# א טעם פון גן עדן

ער טאנצט ביים עמוד, אלץ פארגעסן
שעות נאך יום כיפור, נאך ניט געגעסן
דאוועגער׳ס קומען פרי, ס׳איז דאך ״בשם השם״
זיי קוקען, און זיי וואונדערן

שטראלען פון די זון, פארטרייבען שוין די נאכט
ער בענקט נאך די שעות אין יום הקדוש פארבראכט
אלעס אפגעלאזען, דער וועלט מיט אירע שמוץ
זיך ווייקען אין אלוקות

זמירות וועל איך זינגען, לידער וועבען
אויבעשטער, נאר צו דיר, טו איך שטרעבען
ניט הערען, ניט פילען, ניטא קיין איך
אין דיר פארליר איך זיך

די וואך רופט שוין אויס, קום באארבעט מיר
בשמחה צו בויען, א דירה פאר דיר
איך קען אבער ניט אפלאזען, איך קען זיך ניט שיידען
פון א טעם פון גן עדן

**אנעים זמירות ושירים ארוג, כי אליך נפשי תערוג**
**נפשי חמדה בצל ידיך, לדעת כל רז סודיך**

שמחת תורה אין ליובאוויטש, פייער און פרייד
שעות נאך הקפות, אין 770 מען שטייט
די גופים ווילן שלאפען, די נשמות זאגען ניין
באלד וועט דער רבי אראפגייען

שטראלען פון די זון, פארטרייבען שוין די נאכט
אבער ווי קען מען אפלאזען די הייליגע פראכט
אלע קוקן שטיל, דעם רבינ׳ס קול טראגט
דעם נייער ניגון, די נשמה יאגט

אלעס אפגעלאזען, אנגעקומען דא
זיך באלעבט מיט פארברענגעס, מיט יעדער תנועה
דעם חודש השביעי, די קאפ פונעם יאר
באלויכטען מיט׳ן נשיא הדור

מען קען ניט אפלאזען, מען קען זיך ניט שיידען
פון דער זיסקייט, דעם הייליג פריידען
מען וויל נאך אריינכאפען, זיך ניט שיידען
פון א טעם פון גן עדן

**אנעים זמירות ושירים ארוג כי אליך נפשי תערוג**
**נפשי חמדה בצל ידיך לדעת כל רז סודיך**

# זיך אנהאלטען

א קעמפ מבחוץ, א ישיבה מפנים
צעירי, צעירי, צעירי התמימים

זיך אנהאלטען, זיך אנהאלטען
זיך אנהאלטען, זיך אנהאלטען
זיך אנהאלטען, זיך אנהאלטען
אין דעם רעבינ׳ס קליאמקע

# הנה מה טוב

הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד
הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד

מלאך מיכאל
ווערט נתפעל
זיינע פליגלען, און זיין פלאמען, שווייגען מיטאמאל
אז מען זיצט, און זינגט צוזאמען, וואַרעם אויפן קול
ער הערט די רייד, און פילט די פרייד, און ער ווערט נתפעל
ווייל די כוח, האט ער ניט, פון אהבת ישראל

♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪
♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪

צי, אזוי, אדער אזוי
דורכריידען מאכט ווייניגער וויי
צי, אזוי, אדער אזוי
איין בהמה, אידן צוויי

א קינד א זקן אויך א בחור
חסידים זיינען איין משפחה
הדרכה תוכחה, ווינטשט׳ן הצלחה
זאגט מיט לחיים ולברכה

# ירידת הנשמה בגוף

רבי שלמה צאצניקער, א חסיד פון דעם אלטען רעבין
ויהי כנגן המנגן האט עם דער רבי דעם טיטול געגעבען

א ניגון האט ער געמאכט אויף דער ירידת הנשמה למטה
ווי זי בענקט זיך ווי א קינד צום טאטע

על כרחך מוז זי אראפגיין אין גוף
און זי בעט זיך מיט אירע טרערפולע רוף

אבער די ירידה איז לצורך עליה
זי וועט זיך הויבן נאך העכער ווי פריער

אין אלע צייטען אין אלע ערטער
האבען חסידים געזונגען די ניגון, ריין, אן ווערטער

היינט, אז עס זאל דורכנעמען אויך אונזער קאפ
האבן מיר דערוואגט דער ניגון טייטשן אפ

מיט פארכט און האפען ביידע
אז ר׳ שלמה וועט ניט האבן קיין קפידה

באקוועם אין הימל, זיס
אלץ איז קלאר און געוויס
ריין און הייליג, גאט׳ס א חלק
די נשמה נאנט ביי זיין פיס

די געבורטס-טאג רופט שוין אויס
לאז אפ די טאטעס שויס
אונטערען טראן, מען באשווערט איר אן
אויפן רייזע פאר ארויס

ניין!
ניין ניין ניין, מאך מיר ניט גיין
ס׳איז אזוי גוט דא, איך מיט דיר אליין
איך וויל בלייבן ריין, דיין שיין פארשטיין
פארטרייב מיר ניט, פון מיינע היים

ניין!
אין א זאק פלייש, נישט איך באלאנג
מיט-צו-טאנצען זיין גראבען געזאנג
זיך אויס-טענה׳ן, מיט זיין יעדען פארלאנג
פארשיק מיר ניט אין דעם גוף געפאנג

ניט פארשיקט, נאר פאר-אנ-טרויט
אנגעזעטיגט פאר די פליכט
וועסט אויף-אים הערשען פון ביין ביז הויט
און אים באלייכטען מיט דיינע ליכט

מיט דיין פייער, מיט דיין גלויבען
וועט גוף צו-גיין, און מיטגיין מיט דיר
און ווי קיינמאל וועסטו זיך הויבען
און דווקא דארט וועסטו טרעפען מיר

# במשמנינו אל יהי רזון

פענימער לאנג, פארזארגט און פאר-לארען
די תמימים מוזן, גלייך נאך יום טוב אפ-פארען
פון ליובאוויטש זיך שטעלען, אויף פריזיוו פאר מיליטער
קיינער טאר ניט פעלען, דער אטעם ווערט שווער
די סכנת, נפשות, און די פיין
און מיט נשמה, וואס וועט זיין

אין דער סוכה, זיצט דער רבי, נשמתו עדן
די תלמידים באקוקט מיט ליבשאפט
די נסיונות, פילט ער מיט, און הויבט אן צו ריידען
און הייסט מען זאל זינגען מיט זאפט

במשמנינו אל יהי רזון
קינדער טייערע, זייט ניט פארדראסען
זייטיקע זאכן זאלט איר אפלאזען
אין לערנען ווארפט זיך אריין

אלע דאגות אוועקגעבלאזען
לערנט גוט נגלה, און רזין דרזין
זאג איך צו מ׳וועט, אייך ארויסלאזען
א רזון פון שחרור וועט ניט זיין

בחורים איך בעט
אויב נאר איר וועט
די פלייש און פעט
די משמנים, גישמאק און קאך

אויף תורה אפגעבען
אויף אידישע לעבען
אויף חסידישע וועגען
נעם איך אויף זיך דעם יאך

♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪
♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪♬♫♩♪

סעווען סעווענטי, שמחת תורה, הייליגע פריידען
חסידים אין ברוקלין דער רבי שאפט
די נסיונות פילט ער מיט, און הויבט אן צו ריידען
און הייסט מען זאל זינגען מיט זאפט

**פזמון: במשמנינו ...**

# למה נגרע

מיין פעטער איז ביי הקפות געוועןאויך א פשוטע מנחה געזעהן
אויך א פשוטע מנחה געזעהן
מיין שכן פלעגט א ביסל פארשטיין
ווען ביי פאברענגען שטיין

מיין מלמד איז אין יחידות אריין
און כוס של ברכה געקראגען וויין
מיין זיידע גידענקט מאמרים קלאר
פון תשרי זיין ערשטע יאר

און איך, פארקריך
אין דמיון מיט זיך
וואס וואלט געשהן
אויב איך וואלט געוועןמיט מיינע אויגען געזעהן
מיט מיינע אויגען געזעהן

וויפיל, איך שפיל
דער ווידאו, און וויל
אריינפליען דערין
און מודה איך בין
איך ווער פון קנאה גרין

איי, איי, אויבערשטער
אין הסתר געבארען
איךווארט שוין יארען
איז דאס מיין שולד
כ'האב ניט קיין געדולד
למה נגרע

איי, איי, אויבערשטער
איך ווייס דו ביסט גערעכט
עס זעהט נאר אויס שלעכט
און טראץ די הסברה
איז למה נגרע
אז מיינע טעג זיינען נעכט

ברענג שוין די גוטע טעג צוריק
ברענג שוין די טעג פון פרייד און גליק
מיר וועלען לאכען און טאנצען מיט דער פיין
און זיך באדען אין דער שיין

ווי קינדער צוריק ביים טאטענס פיס
ווי קינדער צוריק ביים טאטענס טיש
אנקוקען ווי דער פנים שיינט
ברענג עס שוין גיך, ברענג עס שוין היינט

# הקהל

פון נאנט, פון דער ווייט
קינדער יונגערלייט
מ׳לויפט פון יעדער זייט
די וועלט הקהל שרייט

פרויען מיט וויג
אלטע מיט גליק
ויראו את השם
א פרישן פארנעם

אלע גיין, גרויס און קליין
אין בית חיינו אלע שטיין
צו פארשטיין, צוזאמען איין
דעם אויבערשטנס מיין

שעפן מורה, פאר׳ן בורא
פון דעם נשיא הערן תורה
איבערלעבן, מיטן רעבן
זיך איבערגעבן

א כינוס, א שיעור
קלאפן אויף יעדען טיר
הקהל מ׳שטורעמט, א הקהל-איד גייט!

אלע אידן ברענגען
צוזאמען צום פאברענגען
דער מלך גייט ליינען – אלע שטייען גרייט!

# עלינו לשבח

עלינו לשבח
מיט הארץ מיט מוח
אז דו, האסט אונז, ניט געמאכט
פוסט ווי דער גוישער גליק

פאר הייזער, פאר עסען
די קאפ ווערט פארגעסען
א נידריקע לעבען, נאריש פארבראכט
משתחוים להבל ולריק

אבער אונז אידן
ווי צופרידען
ואנחנו כורעים צו דיר

אויסגעקליבען
דיר צו ליבען
א לעבען פון א גביר

טוסט אונז פארגינען
דיר צו דינען
אח - ס׳גוט --- אן א שיעור

אז מען מעג פארשטיין
דיר אליין
ניט טאהן פון דיר א ריר

ועל כן אויף א צייט מיר האפען
א סוף וועט זיין צו אלע בלאפען
די אויגען וועלען ווערען אפען
משיח קומט אט אט - - -

און דאן וועלען אלע קוקען
נאר צו דיר וועלען אלע בוקען
יכירו וידעו – אלע וועלען זוכען
קענען ה׳ אחד

# דווקא אין די זומער

הינטער בוימער און בערגאלעך פארשטעלט
ליגט, באהאלטען, א וואונדערליכע וועלט
פייגלאך, פריילאך, פליען אויפן פעלד
אלע ווינטען ווערען דא אפגעשטעלט

א בלויע הימל, שפרייט זיך אויס קלאר
די זון שמייכלט, און ווארעמט אן די יאר
קומט, אריין, און ווערט געשוועבט
לעבט זיך אפ, וואו דער רבי לעבט

**פזמון:**
**לערנען, דאווענען, מיט גישמאק – כי הם חיינו**
**מיט א חיות, מיט א קנאק – מ׳טאנצט אשרינו**
**א קאוואדלע, וואס קאוועט, אויס, חסידים**
**צעירי, צעירי התמימים!**

**חסידישע חברשאפט – אויף שווימען און שפילען**
**ניגונים אנגעזאפט – מיט געפילען**
**א קעמפ מבחוץ; ישיבה, מבפנים**
**צעירי, צעירי התמימים!**

ס׳גייט אין זאל א זיסע תורה קלאנג
די ליינען ווינקעל איז פארפלייצט מיט חן
אין עס צימער א ווארימע געזאנג
בעל פה מ׳חאזערט ווען אין קרעמל שטיין

קינדער לויפן אויפן גרינעם גראז
בחורים׳לאך שפאצירען אינעם טאל
הנהלה קאכען אין א יעדער אות
פון רבי׳נס רוף צו זיין גן ישראל:

דוקא אין די זומער צייט
אויף מער לערנען, א געלעגענהייט
דוקא אין די זומער צייט
וואקסען אין אידישקייט

דוקא אין די זומער זון
דור השביעי נעמט ארויס דערפון
דוקא אין די זומער זון
צום רבי׳ן פארבונדען

**פזמון:**